



# תורת יואל

גליון מס' 63

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פ' מקץ - חנוכה תשפ"ו


## בימי מתתי' בן יוחנן כהן גדול וכו' (תפילת על הניסים)

## מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים.

איז באקאנט די קשי' וואס אלע מפרשים פרעגן, במילא: **גבורים ביד חלשים** און **רבים ביד מעטים** איז געווען געוואלדיגע ניסים קעגן די נאטורליכע תכסיסי מלחמה, אבער וואספארא נס איז **טמאים ביד טהורים**? לשון רבינו: פארוואס זאל געמאלט זיין אז די טמא'נע דארפן געווינען איבער די טהור'ע?

דער רבי איז מקדים א קדושת לוי אין פרשת שמות, אויפן פסוק **לכה ואשלחך אל פרעה** בשם אריז"ל, א טעם פארוואס די תורה שרייבט צוויי לשונות לכה און ואשלחך, ווייל דער אייבערשטער וויל נישט מייחד זיין - זיין הייליג נאמען אויף א רעה - שלעכטס, **לכה** גייט ארויף אויף אלע מכות, לכה איז טייטש גיי פון דיינעט-וועגן, **אשלחך** גייט ארויף אויף מכת בכורות, אשלחך איז טייטש: איך שיק דיך, ווייל אזוי ווי עס איז נתקדש - געהייליגט - געווארן דעם באשעפער'ס נאמען דורך די לעצטע מכה, האט השי"ת יא געזאגט אשלחך אז דער באשעפער שיקט צו פרעה.

**מכת בכורות** האט געהאט א פיהל גרעסערע פרסום ווי די מכות ביז אהער, און אויך די מצריים האבן געהאט א זכות אין דעם קידוש השם, ווייל דורך זיי איז געהייליגט און געהויבען געווארן שם שמים, במילא הייסט עס נישט קיין רעה, און אויף דעם האט השי"ת יא מייחד זיין זיין נאמען, און געזאגט **ואשלחך**.

די זעלבע זעהן מיר אויך ביי אנדערע רשעים, וואו ס'איז ארויסגעקומען א קידוש השם דורך זיי, ווי עס שטייט אין די גמרא מס' גיטין (נו, ב) **מבני בניו של המן וסנחריב למדי תורה ברבים**, ווייל דורך זיי איז ארויסגעקומען א קידוש שם שמים, און דאס איז א זכות אפי' פאר א רשע, און זענען באצאלט געווארן שפעטער, אז זייערע אייניקלעך האבן זיך מגייר געווען.

בימי החשמונאים, ווען זיי האבן באזיגט די יוונים מיט גרויסע ניסים, וואס די גאנצע וועלט האט מיטגעהאלטן, לכאורה האבן די יוונים געהאט א זכות אין דעם קידוש השם, און ס'ווערט אין ערגעץ נישט דערמאנט אז די יוונים זענען געווארן באצאלט פאר דעם זכות, דער טעם פארוואס עס איז זיי נישט גערעכנט געווארן פאר א זכות, איז דער רבי זי"ע מסביר מיט א גמרא אין קידושין (מ, ב.) **בתוהא על הראשונות אין נחשב לו כל זכותו לכולם**, טייטש: ווען איינער האט חרטה אויף זיינע גוטע מעשים, ווערט עס נישט גערעכנט קיין זכות פאר אים.

מיר ווייסן דאך - פיהרט אויס דער רבי - אז די יוונים האבן געהאט איין ציהל **להשכיחם תורתך**, מסתמא איז זיי גארנישט ניחא געווען אז עס איז ארויסגעקומען א קידוש השם דורך זיי, אדרבא עס האט זיי נאך וויי געטאן אז דער שם שמים איז

געהויבן געווארן, אויב אזוי, ווערט עס נישט גערעכנט ווי א זכות פאר די יוונים.

אבער, זאגט דער רבי - א חידוש נפלא - די זכותים וואס די יוונים וואלטן געדארפט באקומען, און האבן פארלוירען, איז נישט געגאנגען לטמיון, די חשמונאים - די טהורים - זיי האבן באקומען די אלע זכותים, און דאס איז פשט אין די תפילה וואס מען זאגט חנוכה, אז חוץ די גרויסע ניסים פון **גבורים ביד חלשים** ווי די שטארקע זענען געפאלן צו די שוואכע - **רבים ביד מעטים** די גרויסע ארמיי צו די קלענערע, איז געווען נאך א ישועה אז די זכותים פון די טמאים זענען אריבער צו די טהורים, די חשמונאים האבן צוגענומען אלע זכותים פון די יוונים, און דאס איז דער פשט פון **וטמאים ביד טהורים**.

(חנוכה תשי"ג)

## א בינטל זכרונות

הרה"ח ר' דוד שלמה בערגער שליט"א

חנוכה פלעגט דער רבי צינדען יעדע נאכט ברבים, בראשית השנים האט ער געצינדען אין קליינעם בית המדרש, (500 בעדפארד) ווען ס'איז געקומען צו סכנות נפשות, האט מען געבעטן דעם רבין ער זאל צינדען אין גרויסן ביהמ"ה, ווי ס'איז דא מער פלאץ פארן ציבור וואס וויל מיטהאלטן, דער רבי האט זיך געקווענקעלט, געשמועסט האט מען דעמאלס, אז דער רבי האט געפרעגט הרה"ח רבי שלמה גפן ז"ל, צו ער געדענקט וואו דער מיטעלער בעלזער רב, (הרה"ק רבי ישכר דוב זצ"ל) האט געצינדען, און רבי שלמה האט געדענקט אז ער האט געצונדען ברוב עם אין ביהמ"ד.

דער רבי האט מסכים געווען, און מ'האט געבויעט א טיר צו ר' יחזקאל'ס שמש אפיס, און איינגערישט דעם אפיס אלץ א אפרו צימער פארן רבי'ן, דארט האט דער רבי געצונדען, און נאכדעם צוגעגאנגען צום אויבענאן (וואו ער האט געפירט טיש שב"ק), דער רבי האט געטרונקען לחיים, און געזאגט תורה.

**אגב**, ווען רביה"ק האט זיך עטוואס ערהוילט פונעם סטראוק, און ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש, אבער נישט געוואלט דאווענען פארן עמוד, ווייל ער האט נישט געקענט שטיין צו לאנג, טראץ די בקשות פון די גבאים און משבקי"ם, און געזאגט אז ער האט נישט געזעהן ביי זיינע אבות, אז מען זאל דאווענען זיצענדיג, ביז ר' שלמה גפן ז"ל איז געקומען, און עדות געזאגט אז בשנות האחרונים פון דער מיטעלער בעלזער רב זצ"ל, האט ער געדאווענט זיצעדיג צוליב זיין חולשה, און רביה"ק האט באוויליגט צו דאווענען פארן עמוד, כמקדם.

**שבת חנוכה**, איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען שפעט, און געמאכט הוספות ביים לייענען, אפי' ס'איז געווענליך די קורצסטע טעג, אעפ"כ האט דער רבי געענדיגט זעהר שפעט, ביי שלש סעודות האט דער רבי געזאגט תורה, און מוצאי שבת ביי הדלקת הנרות האט דער רבי נישט געזאגט קיין תורה.

אגב, מוצש"ק חנוכה, איז געווען צומאל דער יערליכער דינער לטובת די סאטמארע מוסדות, און רביה"ק האט משמיע געווען דברות קודש.

יעדעס יאר דער צווייטן טאג חנוכה, האט רבי נתנאל'ע פארקאש ז"ל געברענגט פירות, ווייל דאן לייענט מען די קריאה פון **נתנאל בן צוער**, דער רבי האט טועם געווען, און דער עולם האט געכאפט פון די שריים.

רבי נתנאל'ע פלעגט יעדעס יאר אויספוצן דעם רבי'ס מנורה לכבוד חנוכה, איין יאר (תשי"ג) האט ער נישט אנגעיאגט צוריקצוברענגען די מנורה, און מ'האט אנגעגרייט פארן רבי'ן א גלאזערנע מנורה, נאנט צום צינדען איז רבי נתנאל'ע אנגעקומען מיט די זילבערנע, און רביה"ק האט נישט געלאזט טוישן, וויבאלד ס'איז שוין געווען אנגעגרייט.

## משיעורי הרה"ג ר' שלמה יואל מאשקאוויטש שליט"א - בעמח"ס הלכה ומנהג

### מנהג : בגדי שבת - א זיידענע רעזשוואלקע

ביי חסידים האט מען זיך געפיהרט, אז מ'האט געטראגן א מלבוש עליון דווקא פון **משי - זייד**, א טעם שטייט אין ברכי יוסף להחיד"א, א מעשה וואס דער חיד"א האט בייגעוואוינט: ער האט געזעהן א גרופע אידן וואס זענען געקומען פון אויסלאנד זעך באזעצן אין א"י, און צוויי פון די גרופע באצייכענט ער אלס **קדושים וטהורים**, און אלע זייערע קליידער זענען געווען פון **זייד**, האב איך זיי געפרעגט מה מצוה זו? האבן זיי געענטפערט אז לפי ידיעתם, זענען אלע לייווענט'ער (חוטי פשתן) פון די אראבער געמישט מיט <u>צמר</u> - <u>וואל</u> במילא טוען זיי אן נאר זיידענע מלבושים, און אזוי איז געווען דער מנהג ביי חסידים.

די כותבי הדורות דערציילן אונז, אז די צוויי קדושים וטהורים, זענען געווען צוויי תלמידי בעש"ט, וואס האבן עולה געווען קיין ארץ ישראל, בשנת תרכ"ה, הרבי ר' מענדל מ'פרעמישלאן זצ"ל, און רבי ר' נחמן מהוראדענקע זצ"ל.

**ידוע** די תשובה אין השיב משה, (סימן ד') **שלא יעבור לפני התיבה בבתי מדרשות החסידים, מי שהולך בבגדי צמר**, וואס האט געמאכט א שטורם, א סערה קעגן די חסידים.

(המשך בשבוע הבא אי"ה)

# א קאפיטל היסטאריע

### גאונים - ראשונים - בעלי התוספות

**סמ"ג** (ספר מצוות גדול)

**רבי משה ברבי יעקב מקוצי**, בעל **הסמ"ג**, געבוירען אין שטאט קוצי - צרפת, א תלמיד פון רבי יהודה ברבי יצחק מ'פאריש, געווען א שוואגער מיט רבי שמעון מ'שאנץ.

אויסער זיין גאונות, גרויסקייט און תורה און חכמה, איז ער געווען א געוואלדיגער בעל דרשן, און האט מיט זיינע דרשות און מוסר, מחזיר געווען אידן למוטב.

דער **סמ"ג** איז צוטיילט אין צוויי חלקים, חלק ראשון באהאנדלט די **שס"ה לא תעשה**, און דער צווייטער חלק, די **רמ"ח מצוות עשה**, און אויף יעדע מצוה שרייבט ער דעם מקור אין בבלי, ירושלמי, תוספתא, מכילתא, בעלי התוספות און פון רמב"ם, א מהלך מושפע פונעם רמב"ם, וואס האט זיך באוויזן צו איהם אין חלום, און געהייסן אריינציילן אין די תרי"ג מצוות, דער לאו: **השמר לך פן תשכח**.

א יסודות'דיגער חיבור, פון וואו אלע קומענדיגע גדולים האבן שואב געווען אוצרות, און אויך מחבר געווען פירושים און ביאורים, ווי רבי יצחק מקורביל האט - יארן שפעטער - מחבר געווען דעם סמ"ק (ספר מצוות קטן).

אויפן פסוק **כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל**, שרייבט א אזהרה, פון דעם פסוק זעהט מען, אז א איד מעג זיך נישט גרויסהאלטן, מיט זיין עשירות, זיין חכמה, אדער זיין שיינקייט, נאר מען דארף זיך פיהרן בענווה יתירה.

אזוי אויך איז ער מזהיר אויף די מדה פון אמת, ווייל דאס איז **חותמו של הקב"ה**, און אויב א איד פאפט אויס א גוי, וועט דער גוי זאגן: קוקט'ס וואספארא פאלק, השי"ת האט זיך אויסגעקליבן.

נפטר ה' שנת כ'.

# מכתבים למערכת

**Rabbi Y. Mayer Katz**
6580 Wilderton Avenue
Montreal, Quebec  H3S 2L5

**יחיאל מאיר כ"ץ**
באאמו"ר הגה"צ מושיבא זצ"ל
רב דקהל תפלה למשה
מאנטריאל קאנאדא

בס"ד

יום ג' חיי שרה תשפ"ו

החוה"ש וכט"ס כבוד אהובי תלמידי ידי"נ הרבני החסיד מאד נעלה כש"מ יצחק זאב הכהן פילאף נ"י

אגב בשבוע זו הבאתם עובדה מהרב תאומים ז"ל , הנה אני שמעתי דבר זה ממנו כשהי' פה מאנטריאל על שמחה משפחתית הוא היה גר בבארא פארק שמו היה הרב יעקב תאומים היה לו בית המדרש ברחוב 52 (אלשטאטער בית המדרש) היה חתן האדמו"ר מבאסטאן זצ"ל, בהיותו אברך היה מגיד שעור בישיבת תורה ודעת ישיבה קטנה כתה ט' או כתה יו"ד בוויליאמסבורג ומחמת הרצאת השעורים תמידים נחלש קולו למאד ( מיתרי הקול, הנקרא אצלינו שטים בענדער נחלשו ) והרופאים אמרו לו שאין לו ברירה רק להפסיק עבודה זו כי יזיק לו ביותר

והוא נשאר בפתע פתאום בלי פרנסה ונכנס לכ"ק מרן רבינו בימי חול המועד סוכות והזכיר עצמו לפרנסה ושאלו רבינו מה היה פרנסתך עד היום, ענה היה לי פרנסה מהגדת שעורים (לא אמר אני מלמד רק מגיד שעור) היה לי פרנסה מהשעורים ענה לו רבינו על אתר **האסט געהאט פרנסה מיט א שעור, יעצט וועסטו האבן פרנסה אן א שעור** והוטב בעיני רבינו דבר זה שיצא מפיו הק' וכפל רבינו דבר זה ג' פעמים, ואז הלך לעסוק בדימאנטען ברחוב 47 ונתעשר כך סיפר לי

אגב מה שהבאתם בענין לבישת הרעזשוואלקע בליל ש"ק נזכרתי בהיותי אברך אחר חתונתי ואז גרתי בעיר וויליאמסבורג, ובאתי פעם לש"ק לבקר את אאמו"ר זצ"ל למאנטריאל ומחמת גודל טירחת הדרך והחבילות לא הבאתי לשבת את הרעזשוואלקע ואז העיר לי אאמו"ר זצ"ל היות שזהו מנהג ישראל ומקובל מהרה"ק מנאסוד זיע"א שיש לו לאדם לקיים מנהגי ישראל במסירת נפש וכש"כ בטירחא יתירא

מנאי ידידך דושה"ט באה"ר ובלונ"ח

יחיאל מאיר כ"ץ

## איבערגעזעצט אין אידיש

אין גליון פרשת וירא, ברענגסטו א מעשה פון הרב תאומים, אלטשטאטער רב ז"ל, דער בעל המעשה, פון וועם איך האב געהערט פרעזענליך די מעשה, ווען ער האט באזוכט מאנטריאל מיט יארן צוריק.

גופא דעובדא: הרב תאומים איז געווען א איידעם ביים באסטאנער רבי זצ"ל, אלס אינגערמאן האט ער געהאט א פאסטן אין תורה ודעת, אלס מגיד שיעור, מיט די צייט זענען געווארן אנגעשטרענגט זיינע שטים-בענדער, און זיין קול איז געווארן שוואכער, די דאקטוירים האבן געהייסן מער נישט צו פארלערנען.

איז ער געבליבן אן קיין פרנסה, בצער לו, איז ער אריין צום רבי'ן זי"ע, חוה'מ סוכות, רביה"ק פרעגט אים, וואס האט איר עוסק געווען ביז איצט?, ענטפערט ער, איך בין געווען א מגיד שיעור, אויפן פלאץ האט דער רבי געזאגט, "האסט געהאט פרנסה מיט א שיעור, יעצט וועסטו האבן פרנסה אן א שיעור" דער רבי האט הנאה געהאט פון זיינע אייגענע ווערטער, און עס איבערגעזאגט 3 מאל, און דאן איז הרב תאומים אריין אין די דיאמאנטן מסחר, און נתעשר געווארן.

אגב, בנוגע מלבושי שבת - רעזשוואלקע, דערמאן איך מיך, ווען איינמאל אלס גאר אינגערמאן, בין איך געפארן קיין מאנטריאל, באזוכן מיין טאטע, זשיבויער רב זצ"ל, און צוליב די טירחה, מערערע פעקלעך, האב איך נישט מיטגענומען א רעזשוואלקע.

מיין פאטער זצ"ל האט שטארק מעיר געווען, און געזאגט, אז דאס איז א מנהג ישראל, און נאכגעזאגט בשם הרה"ק מ'נאסויד זצ"ל, אז פאר א מנהג ישראל דארף מען האבן מסירת נפש, און אוודאי אויב ס'איז נאר א טירחה.